# **פרשת חקת א׳ – ז׳ תמוז תשע"ז לפ"ק**

***יום ראשון פרשת חקת***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הלויה של הרבנית הורוויץ ע"ה (אלמנת **הגה"צ רבי אלתר יחזקאל הורוויץ זצ"ל** ראב"ד דקהלתנו הק׳ בב"פ) שהתקיימה לפני בית המדרש אור יחזקאל.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ד׳ של התלמוד תורה בבארא פארק (כיתה של הרב **שלום יוסף שענדארף** שליט"א), להבחן על משניות מסכת ברכות שלמדו במשך שנה זו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יואל צבי בינעט** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל׳ בציעת הפת סימן קס"ז סעיף י"ד) **בבית** מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לימי הקיץ.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** קומט דער זומער, טעג וואס מען דארף אויסנוצען פאר תורה און עבודת ה׳. מען דארף זיך טאקע אפרוען, א מענטש דארף האבן מנוחה, אבער די מנוחה דארף זיין מיט א תכלית, אז מען זאל נאכדעם האבן כח צו דינען דעם אייבערשטען. יעדע מנוחה דארף זיין א מנוחה פארן גוף, און עס דארף אויך זיין א מנוחה פארן נפש. מען דארף זיך היטן ווען מען גייט ארויס, גיין נאר אויף א פלאץ וואס איז ערליך און אויסגעהאלטן.

**מען** דארף זיך מסדר זיין מיט לימוד התורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). אזוי ווי מען איז מסדר אלע וואכעדיגע זאכן, אז ווען מען וועט זיין אין די פרעמד זאל מען האבן וואס מען דארף, אזוי אויך דארף מען זיך מאכן א פלאן אויף לימוד התורה. מיט נעמען מיט זיך די מסכתא וואס מען דארף צו לערנען, זיך צוגרייטן טעיפס מיט סי די'ס, וואס מען קען אויסנוצן אויף תורה. און אז מען נוצט אויס די צייט אויף תורה, האט מען סייעתא דשמיא, אז עס גייט אדורך א געזונטער זומער. זאל מען זוכה זיין אי"ה בקרוב זיך צו זעהן צוריק געזונטערהייט, מתוך שמחה וטוב לבב. און אנטקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יוסף פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מרדכי יואל לעבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת חקת***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **ישראל דוד זינגער** נ"ו, בן הר"ר **יודא זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זלמן לייב ווייס** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית הורוויץ ע"ה (אלמנת **הגה"צ רבי אלתר יחזקאל הורוויץ זצ"ל** ראב"ד דקהלתנו הק׳ בב"פ).

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** די ערשטע דריי טאג איז דער סדר אז מען קומט נישט מנחם אבל זיין, אבער איך פאר ארויס אין די קאנטרי, האב איך זיך געדארפט אנדערש מסדר זיין.

**הרה"ג רבי אלישע שליט"א אב"ד אגודת אחים בלארענס:** עס איז היינט דא געווען דער **באבוב'ער רב שליט"א**, האט ער געזאגט, אז די סיבה פארוואס מען ווארט דריי טעג איז, ווייל די גאר נאנטע קומען קודם...

**רבינו:** דער טאטע איז געווען פון די ערשטע בני תורה אין אמעריקא, פונעם היימישן עולם. יענע יארן איז ער געווען פון די סגל חבורה אין בית המדרש עליון.

**הרה"ג רבי נתן נפתלי שליט"א אב"ד אור יחזקאל:** מיר געדענקן די ערשטע דרשה וואס דער רב האט געזאגט אין בארא פארק (שבת פ׳ נצבים תשנ"ב לפ"ק, במקום דרשת שבת שובה) און דער טאטע יבלח"א איז געקומען, און דער רב האט דעמאלטס געטייטשט

דעם מדרש (משלי ו) בשעה שהחכם יושב ודורש הקב"ה מכפר לעוונותיהם של ישראל.[א]

**הרה"ג רבי אלישע שליט"א:** דער רב האט זייער נוהג כבוד געווען אינעם טאטן, עס איז יעצט א געלעגענהייט צו זאגן, מיר זענען אלע שטארק מכיר טובה.

**רבינו:** עס איז זיך אים געקומען.

**הרה"ג רבי יוסף שליט"א ראה"כ מונקאטש:** דער טאטע איז געווען א תלמיד פון **רבי אהרן קאטלער זצ"ל**, און נאך די חתונה האט ער ווייטער געהאלטן קשר מיט רבי אהרן, ער פלעגט ארויספארן מוצאי שבת הערן שיעורים, און רבי אהרן האט אים מורא'דיג מחשיב געווען. ווען עס איז געווען א גערעדט צווישן דעם **סאטמארער רב זי"ע** מיט **רבי אהרן קאטלער**, האט דער טאטע געזאגט, בשעת איך האב געהערט רבי אהרן זאגן דעם שיעור, מיטן ריתחא דאורייתא, מיט דעם קאן, בין איך געווען ביי מיר איבערצייגט, אז עס איז נישט דא גרעסער פון דעם אין די וועלט. און ווען איך האב געהערט די שובבי"ם תורה פונעם **סאטמארער רב** דעמאלט בין איך געווען איבערצייגט, אז עס איז נישט דא קיין גרעסער פון דעם אין די וועלט.

**הרה"ג רבי אלישע שליט"א:** איך האב געהערט פון איינע פון די ראשי ישיבות פון לעיקוואד, אז ער געדענקט ווען עס איז געווען א הספד אויפן **סאטמארער רב** אין די ישיבה אין לעיקוואד, האט דער טאטע געזאגט, אז די וועלט דא אין אמעריקא האט געטראכט, אז **רבי אהרן קאטלער** איז דער גאון הדור, און דער **סאטמארער רבי** איז דער צדיק הדור. ווען איך בין געשטאנען נעבן דעם ראש ישיבה אין לעיקוואד, האב איך אלץ געפילט אז איך שטיי דא נעבן דעם צדיק הדור. און ווען עס איז מיר אויסגעקומען עטליכע מאל צו רעדן אין לערנען מיטן **סאטמארער רב**, האב איך געפילט אז ער איז דער גאון הדור.

**רבינו:** ביידע זענען געווען ביידע.

**הרה"ג רבי נתן נפתלי שליט"א:** די וועלט זאגט, אין די תשובות פונעם **דברי חיים** קען מען זעהן די צדקות, און אין זיין ספר על התורה קען מען זעהן די גאונות.

**ונסתובב השיחה בהרבה עובדות וענינים מהגאונים והצדיקים הנ"ל, ועוד**

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג **רבי עזריה זושא פאללמאן** ז"ל, מנהל מתיבתא עץ חיים באבוב.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו** (בתגובה על שנכנס באמצע אכילת סעודת הערב)**:** מען זאגט נאך פונעם **סאטמארער רב זצ"ל**, אז אין זיין בית המדרש אויף בעדפארד עוועניו, איז געווען איין שטאק דער בית המדרש וואו מען האט געדאווענט, העכער דעם איז געווען די ישיבה, און אונטען איז געווען די עס זאל וואו מען האט געגעסן, און די בית הכסא'ס זענען אויך געווען אונטען. אמאל האט ער געדארפט אדורכגיין, ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, און עס איז שוין געווען מיטאג, און די בחורים זענען געזעסן און מען האט געגעסן, ווען ער איז אדורכגעגאנגען האט זיך יעדער אויפגעשטעלט, און מען האט זיך אפגעשטעלט פון עסן, האט ער געזאגט, אז ער איילט זיך ארויסצוגיין, ווייל ער וויל נישט זיין א זקן המעכב את האכילה (עיין ש"ע או"ח סימן תקנ"א סעיף י"ג).

**רבינו:** עזריה איז נישט קיין געווענליכער נאמען, פון וואו שטאמט דער נאמען?

**א' האבלים:** מיין זיידע איז נישט געווען ביים ברית, ער איז געפארן קיין אמעריקא, און זעקס חדשים שפעטער איז ער געבוירן, און מיין באבע'ס טאטע האט א נאמען געגעבן נאך א זיידע. מען האט קיינמאל נישט געוואוסט, צו ער הייסט עזריה צו עזריהו. לויט וואו מען ווייסט פון די וואס האבען געוואוינט צוזאמען מיט אים אין מיהאיפאלווא, געדענקט מען אז ער האט געהייסן עזריה. די ערשטע צוויי דריי יאר האט מען אים גערופן זושא, ביז עס איז געקומען א יוד פון מיהאיפאלווא, און

---

[א] וזה תוכן הדברים: הנה שעה זו הוא עת רצון, וכמאמרם (מדרש משלי ו') כשהחכם יושב ודורש הקב"ה מכפר לעוונותיהם של ישראל ע"כ. ועיין **בבני יששכר** (תשרי ד-ב) שהעיר למה אמרו 'יושב' ודורש ע"ש. ולעניננו יש לומר, כי לכבוד גדול אצלינו שנתכבדנו בהופעת **הגאון הראב"ד דקהלתנו שליט"א** בתוך הנאספים לשמוע, והוא מגודל מדת ענותנותו וצדקתו. ויש כאן 'חכם יושב', ואחר שלא הגיע למעלתו עומד 'ודורש', צדקות זו מעורר רחמי שמים, והקב"ה מכפר לעוונותיהם של ישראל.

ער האט געזאגט, איך בין געווען ביי די ברית, און מען האט אים א נאמען געגעבן עזריה זושא.

**רבינו:** עס איז זייער א זעלטענער נאמען. עזריאל איז אביסל ענליך, עזר א-ל.

**א' האבלים:** מיין זיידע (הר"ר **משה אורי פאללמאן** ז"ל) האט געלערנט אין סאטמאר ביים **קרן לדוד** צוזאמען מיטן **סאמבאטהעלער רב.** דער **סאמבאטהעל'ער רב** האט געלערנט ביים **קרן לדוד**?

**רבינו:** אפשר מיט זיין ברודער **רבי משה לייב זצ"ל.**

**א' האבלים:** וואו האט דער **סאמבאטהעלער רב** געלערנט?

**רבינו:** אין סערדאהעלי, און אין שאמלויא, און אין גאלאנטא.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד יהונתן קרעש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת חלוקת פרסים לתלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בבארא פארק (כיתה של הרב **מרדכי נפתלי אייזנבאך** שליט"א), שהתקיים בבנין הבית חינוך לבנות דקהלתנו הק', ונשא מדברותיו. אחר כך חילק סעט ש"ס לכל הבחורים.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשוב'ע בחורים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מסיבה, צוזאמען מיט זייערע עלטערן, זיי זאלן שעפן נחת פון די קינדער. עס איז באמת הזורעים בדמעה ברנה יקצורו (תהלים קכו-ה), וויפיל פלאג עס איז אריינגעגאנגען ביז מען האט זיך געקענט שטעלן צו א פאראהער, און מען האט אזוי פיין געקענט. עס איז געווען הזורעים בדמעה, די אנהייב איז געווען שווער, אבער עס איז ברנה יקצורו, מען זעהט ב"ה וואס מען האט אויפגעטון, און וואו מען איז אנגעקומען מיט דעם וואס מען האט זיך געפלאגט א גאנץ יאר, האט מען א שמחה און א צופרידענהייט אויף די פלאג וואס מען האט געהאט.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה הייבט אן די מצוה פון פרה אדומה, זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמר (במדבר יט-ב), און נאכדעם קומט די פרשה פון פרה אדומה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס פאר א שייכות האט זאת חקת 'התורה', צו פרה אדומה. עס וואלט געדארפט שטיין זאת חקת 'הפרה', אדער זאת חקת 'הטהרה', פארוואס שטייט זאת חקת 'התורה'.

**איך** האב געזען שטיין, אז די תורה וויל אונז דא לערנען, די חשיבות פון לימוד התורה. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), תורה האט אין זיך א קדושה, א טהרה, עס טוט רייניגן דעם מענטש פון אלע זיינע ענינים. יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט שוואכקייטן, און דורך דעם וואס מען זיצט און מען לערנט תורה, איידלט עס אויס דעם מענטש, ער ווערט א אנדערער סארט יוד דורך לימוד התורה. כנחלים נטיו (במדבר כד-ו) שטייט די וואך אין די פרשה, דרשנ'ט די גמרא (ברכות טז.) אז תורה איז אזוי ווי נחלים. אזוי ווי א נחל איז מטהר טמאים, אזוי אויך איז תורה מטהר דעם מענטש. ווען א טמא זעצט זיך לערנען, ווערט ער ארויסקומען ריין, די תורה וועט אים מטהר זיין.

**א** מקוה איז טאקע מטהר, אבער נישט אלע טומאות איז עס מטהר. עס איז מטהר א טומאת שרץ וכדומה, אבער פון א טומאת מת קען מען נישט טהור ווערן דורך א מקוה, נאר מען דארף האבן אפר פרה אדומה וואס זאל מטהר זיין. קומט אויס, אז פרה אדומה איז די העכסטע סארט טהרה וואס איז דא. עס איז נישט דא קיין העכערע זאך, וואס איז מטהר מער פון פרה אדומה.

**זאגט** די תורה הק', דו זאלסט וויסן זאת חקת 'התורה'. די תורה וואס איז מטהר, איז נישט מטהר סתם אזוי ווי א מקוה וואס איז מטהר, נאר די תורה איז צוגעשטעלט צו פרה אדומה. אזוי ווי פרה אדומה טוט מטהר זיין אלע סארט טומאות, די זעלבע טוט תורה מטהר זיין. דורך תורה קען מען ארויסקומען ריין פון די טיפסטע טומאה.

*

**צו** די טהרה פון פרה אדומה, האט מען גענומען א עץ ארז מיט א אזוב (יט-ו). עץ ארז דאס ווייסט אויף גרויסקייט, הויכקייט, גאות. אזוב דאס ווייזט

אויף ענוה. ביי א מצורע שטייט דער טעם פארוואס מען דארף נעמען א עץ ארז מיט א אזוב, שאם היה מתגאה כארז, ישפיל עצמו כאזוב (רש"י ויקרא יד-ד). דאס איז ביי א מצורע, אבער פארוואס האט מען געדארפט האבן א עץ ארז מיט א אזוב ביי די פרה אדומה. - און מען דארף פארשטיין, עץ ארז איז דאך נאר אויף א פארגאנגענהייט, אז ער איז אמאל געווען א עץ ארז, און ער דארף ארבעטן אויף ענוה. עס איז גענוג אז מען ברענגט א אזוב אליין, וואס ווייזט אז מען דארף האבן ענוה.

**נאר** עס איז אויך דא א דרך פון ויגבה לבו בדרכי ה' (דבה"י ב יז-ו). בחורים וואס זיצען און לערנען, קומט זיך אז מען זאל זיי אמאל עפרישיעט"ן, ארויסווייזן אן הכרת הטוב אויף דעם וואס זיי האבן זיך געפלאגט אין לערנען. און אמאל איז דא וואס עס דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה', מען דארף זיך אליין דערהייבן, וויסן מי אתה, ווער דו ביסט. איך האב נישט געטראכט אין אנהייב אז איך וועל צו דעם צוקומען, און ווען מען זעהט אז עס גייט אדורך א יאר, און מען איז אנגעקומען, דארף עס געבן א חיזוק און א שטאלץ פארן מענטש, אז ער זאל ווייטער ממשיך זיין. אז מען קען איין מסכתא, קען מען אנקומען צו נאך א מסכתא. און ווען מען קען צוויי מסכתות, קען מען קענען דריי. עס איז טאקע שווער, אבער אז מען קען איינס אדורך ברעכען, קען מען אויך צוויי. און דאס איז די חשיבות וואס מען דארף ווייזען, אז נישט אייביג איז גענוג א אזוב אליין, אמאל דארף אויך זיין א עץ ארז, מען דארף וויסן די גרויסקייט, און די מעלה, און די חשיבות, צו וואס מען קען צוקומען.

**די** בחורים האבן אזוי פלייסיג געלערנט, און די עלטערן קומען זיך צוזאם, זיי געבן אוועק צייט פאר זייערע קינדער, זיך מיטצופרייען מיט זייער שמחה, צו ווייזען פאר די קינדער, אז דאס איז אונזער גליק, און דאס איז אונזער פרייד, אז מיר זענען מגדל קינדער וואס וואקסען אויס תלמידי חכמים. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז די בחורים זאלן שטייגען אין תורה און אין יראת שמים. - עס קומט זיך א עקסטערע יישר כח פארן חשובן מלמד וואס האט זיי צוגעברענגט דערצו, אז זיי זענען אנגעקומען אזוי סך אין משך פונעם יאר. און פארן חשוב'ן מנהל וואס לייגט אריין ראשו ורובו אויפצואורבעטן די תלמוד תורה, און ער שטייט על המשמר אז די קינדער זאלן שטייגן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין זייער עבודת הקודש, מיט נחת און הרחבה. און אונז אלע זאלן מיר זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, זאת התורה אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד). חז"ל (ברכות סג:) דרש'נען וואס איז די שייכות זאת התורה, מיט אדם כי ימות באהל. אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה. 'זאת התורה', אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, 'אדם כי ימות באהל', דארף זיך א מענטש ממית זיין באהלה של תורה. אויפגעבן אלע תענוגי גשמיות פון די וועלט, און זיך ארייינלייגן נאר אין תורה. פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה, אם אתה עושה כן אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד).

**עס** קען אפשר זיין נאך א ענין אין דעם וואס די תורה נעמט צוזאם זאת התורה מיט אדם כי ימות באהל. מען ווייסט אז אין די גמרא (יומא פו.) איז אויסגערעכנט ד' חילוקי כפרה. ווען א מענטש האט געזינדיגט, ווערט נישט אלעס נתכפר מיט תשובה. א עשה ווערט נתכפר מיט תשובה אליין. אויף א לא תעשה דארף אויך זיין יום כיפור. אויף כריתות און מיתות בית דין דארף ל"ע זיין יסורים. און אויף חילול ה' איז נאר יום המיתה מכפר. נישט אלעס קען מען מתקן זיין אינגאנצן ביים לעבן, אסאך מאל איז די ענדע פון די כפרה דער יום המיתה.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, אז עס איז דא א וועג ווי אזוי א מענטש קען אלעס מתקן זיין בחיים חיותו. ווען א מענטש ווארפט זיך אריין

צו לערנען תורה, ער ליגט אין תורה, האט די תורה א כח אין זיך, אז עס איז מכפר אזוי ווי יום המיתה. און ער האט מסביר געווען די טעם דערפון, ווייל עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' תשובה א-ב), אז דאס וואס עס איז דא ד' חילוקי כפרה, איז נאר היינט. אבער בזמן שבית המקדש היה קיים, און מען האט מקריב געווען די שעירי יום הכיפורים, האט דער שעיר פון יום כיפור מכפר געווען על כל העוונות, ונשא השעיר עליו את כל עונותם (ויקרא טז-כב). אבער היינט וואס עס איז נישט דא קיין שעיר לעזאזל, איז דא די ד' חילוקי כפרה.

**עס** שטייט אין מדרש (ספרי דברים שו) כשעירים עלי דשא (דברים לב-ב), זאגט דער מדרש, אז דברי תורה זענען אזוי ווי די שעירים פון יום הכיפורים. אזוי ווי די שעירים פון יום הכיפורים האט מכפר געווען, די זעלבע איז דברי תורה אויך מכפר. און אז דער מדרש זאגט, אז דברי תורה איז מכפר אזוי ווי די שעירי יום הכיפורים, וואס די שעירי יום הכיפורים האט מכפר געווען אויף אלעס, איז דברי תורה אויך מכפר אויף אלעם. אזוי שטייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**.

**זאגט** דער פסוק, זאת התורה, ווען א מענטש לייגט זיך אריין צו לערנען תורה, האט עס אין זיך די מעלה פון אדם כי ימות באהל, פונקט ווי ווען א מענטש קומט צו די יום המיתה, איז דער יום המיתה מכפר אויף אלעם, אזוי איז דער זאת התורה, די חשיבות פון לימוד התורה איז, אדם כי ימות באהל, עס ברענגט אזא כפרה פארן מענטש, אזוי ווי ח"ו דער יום המיתה.

**און** דאס איז די עבודה ווען מען קומט אריין לעול המצות, מען זאל מקבל זיין אויף זיך עול תורה, פלייסיג לערנען. עד שאתה מתפלל שיכנסו דברי תורה לתוך פיך, תתפלל שלא יכנסו מעדנים לתוך מעיך (תוספות כתובות קד. בשם **תנא דבי אליהו** פרק כו), ווען דו ווילסט מתפלל זיין אז דו זאלסט זוכה זיין צו תורה, דארף מען מתפלל זיין אז מען זאל נישט ליגן אין עולם הזה. אז מען ליגט נישט אין עולם הזה, דעמאלטס איז מען זוכה צו כתרה של תורה.

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל המסיבה לטובת הכולל בבארא פארק, שהתקיים בהיכל הכולל, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די שירה פון מרים. באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם (במדבר כא-יח). עס שטייט אין מפרשים, אז באר חפרוה שרים איז א רמז אויף תורה. תורה איז א באר מים חיים, חפרוה שרים, די שרי התורה וואס זיצען און לערנען, זיי טוען אויסגראבן די בארה של תורה. כדי די תורה זאל קוועלן, דארף מען האבן די לומדי התורה. נאכדעם איז דא אזעלכע וואס זענען נישט זוכה אז זיי זאלן קענען אליין זיצען באהלה של תורה, אבער זיי האבן דעם זכות פון מחזיק זיין תורה, מען קען אויך קויפן די תורה מיט געלט, ווען מען העלפט ארויס אז א צווייטער זאל זיצען און לערנען. יששכר און זבולון, איז יששכר געזעסן און געלערנט, און זבולון האט אים צוגעהאלפן. און חלק כחלק יאכלו, אלעביידע ווערן גערעכנט אזוי ווי בני תורה. ער האט א חלק אין די תורה, דורך דעם וואס ער האט עס מחזיק געווען.

**עס** שטייט אין די מפרשים, באר חפרוה שרים, די באר פון תורה וואס חפרוה שרים, די לומדי תורה טוען עס גראבען, כרוה, מען קען עס אויך קויפן, בקברי אשר כריתי (בראשית נ-ה), טייטשט רש"י אז כירה איז טייטש קויפן, א לשון מכירה. 'באר חפרוה שרים', די זעלבע באר וואס חפרוה שרים, 'כרוה', קענען דאס קויפן, 'נדיבי העם', די וואס טוען צוהעלפן פאר די שרים, אז זיי זאלן קענען זיצען און לערנען.

**מען** האט געווענען א פסוק, וואס רעדט פון די שירה אויף א באר, און מען האט עס צוגעשטעלט אז עס איז א רמז אויף לומדי תורה און מחזיקי תורה. בדרך כלל ווייסט מען, אז יעדער פשט און דרוש דארף שטימען, עס דארף זיין עולה בקנה אחד. די פשוטע פשט איז דאך, באר חפרוה שרים, כרוה נדבי העם, דאס גייט ארויף אויף די בארה של מרים, וואס אין די זכות פון מרים איז געווען דער באר, און אלע נשיאים האבן פון דעם בארה של מרים צוגעצויגן וואסער צו זייער מקום וואו זיי

זענען געווען, אז זיי זאלן קענען טרינקען דערפון וואסער (רש"י כא-כ).

**די** באר איז געווען בזכותה של מרים, און די מן איז געווען בזכות פון משה רבינו (תענית ט.). דער זכות פון משה רבינו אז עס איז געקומען מן, פארשטייט מען, ווייל אין די תורה ליגט אלע השפעות טובות. אין זכות פון תורה איז דא צו עסן, און עס איז דא צו לעבן, ממילא אז יודען האבן געדארפט צו עסן, האט משה רבינו, וואס ער איז געווען דער עמוד התורה, ממשיך געווען מן. אבער וואס איז די זכות פון מרים, אז זי האט ממשיך געווען דעם באר? דער באר איז פונקט אזוי וויכטיג ווי מן, מען קען נישט לעבן אן עסן, און מען קען נישט לעבן אן טרינקען. וואס איז די זכות פון מרים, אז זי האט ממשיך געווען דעם באר אויפצוהאלטן גאנץ כלל ישראל.

**נאר** וואס איז די זכות פון א אשה, אז זי העלפט צו אז דער מאן זאל קענען זיצען און לערנען. זכה נעשית לו עזר (יבמות סג.). הני נשי במאי קא זכיין, מיט דעם וואס זיי טוען מגדל זיין די קינדער צו תורה, און זייווארטן אפ די מענער אז זיי זאלן לערנען (ברכות יז.). קומט אויס, אז משה רבינו איז דער נותן התורה, אבער אויפצוהאלטן תורה, די החזקת התורה, דאס איז די עבודה פון מרים. די עבודה פון א אשה איז, צוצוהעלפן אז דער מאן זאל קענען זיצען און לערנען.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט וויזען, אז דער זכות פון תורה מיט די מחזיקי תורה זענען איינער, האט דער באשעפער געוויזען, אז מן איז געקומען בזכות פון משה רבינו, דאס איז די לומדי התורה. און דער באר איז געקומען אין זכות פון מרים, וואס מרים איז דער סימבאל אויף מחזיקי תורה, ווייל נשים זענען זוכה מיט דעם וואס זיי טוען צוהעלפן צו תורה. מען זאל וויסען אז די וואס העלפן צו, צו תורה, האבן דעם זעלבן כח ווי די תורה אליין. משה רבינו קען ממשיך זיין עסן, און מרים קען ממשיך זיין אז מען זאל האבן וואס צו טרינקען.

**קומט** אויס אז די בארה של מרים, האט געוויזען אויפן זכות פון די מחזיקי התורה, אז מען קען אויפטון די זעלבע וואס דער לומד תורה טוט אויף. משה רבינו קען ממשיך זיין עסן, און זי קען אויך ממשיך זיין צו טרינקען. ממילא ליגט אין די פשוטע פשט פון באר חפרוה שרים, כרוה נדיבי העם, וואס דאס גייט דאך ארויף אויף די בארה של מרים, אז עס איז דא צוויי מדריגות. עס איז דא א מדרגה פון באר חפרוה שרים, דאס איז דער עמוד התורה, און כרוה נדיבי העם, די מחזיקי התורה האבן אויך דעם זעלבן כח פון תורה.

**ווען** עס קומען זיך צוזאם די לומדי תורה מיט די מחזיקי התורה, איז באר חפרוה שרים, כרוה נדיבי העם, איז דא א השפעה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל נשפע ווערן אלעס וואס מען דארף האבן. עס קומט זומער, זאל מען קענען אויסנוצן דעם זומער. די לומדי תורה זאלן עס אויסנוצען איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, און די מחזיקי תורה זאלן קענען צוהעלפן מחזיק צו זיין תורה, און מיר זאלן אלע זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מספינקא ב"פ שליט"א**, עב"ג **בן הרה"ג רבי ישכר בעריש פריעדמאן שליט"א** רב דקהל בית ישראל סידערהורסט (בן הגה"צ אבד"ק אולם שליט"א), שהתקיים בבית המדרש ספינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם **כ"ק האדמו"ר מספינקא שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת חקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **חיים בינער** נ"ו בן הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **זלמן לייב קלעפנער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש

סאטמאר (סקילמן סט.). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הרב **עזריאל מנחם ליכטמאן** שליט"א) להבחן על פרק ראשון ממסכת קידושין. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לימי הקיץ.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**עס** קומט זומער און מען גייט אין קעמפ, עטץ זענטס שוין נישט קיין קינדער! מען דארף אויסנוצן די צייט. מען דארף זיך טאקע אויסרוען, אבער די פרייע צייט וואס מען האט, דארף מען אוועקגעבן פאר תורה. מען זאל אהיימקומען פון קעמפ, און קענען גאנץ מסכת קידושין אויסענווייניג. איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, און קענען אלעס וואס מען האט געלערנט. אפילו דאס וואס מען האט פארפעלט, אדער מען האט נישט פארשטאנען בשעת מען האט עס געלערנט דעם ערשטן מאל, דארף מען עס איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל ביז מען קען עס גוט. ווען מען האט פרייע צייט, זאל מען דאס אויסנוצען צו זיצען און לערנען.

**עטץ** זענטס שוין נישט קיין קינדער, און מען דארף זיך אויפפירן ווי בחורים. מען דארף דאווענען הויך, און מיט א חיות, שטיין אויף איין פלאץ פון אנפאנג דאווענען ביז צום סוף. נישט אויסרעדן מיט די תפילין, מען זאל דערקענען אויף א בחור אז ער איז ערנסט. ער דארף נישט לויפן, אדער טון ווילדע זאכן, מען דארף זיין מסודר וואו מען גייט און וואו מען שטייט, מיט א ערנסטקייט אויף זיך. עס לאזט איבער זייער א שיינעם רושם אויף א בחור, ווען ער פירט זיך אויף ערנסט. יעדער קוקט ארויף אויף א בחור ווי אזוי ער פירט זיך, און עס מאכט זייער א שיינעם רושם אויף א בחור ווען ער האט זיך אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, און ער גייט ארויס מיט א שם טוב, מיט א גוטע נאמען. - זאל דער אייבערשטער געבן, אז איר זאלט מצליח זיין, און האבן א געזונטן זומער און פלייסיג לערנען, און קענען קונה זיין די מסכתא פון אנהייב ביז צום סוף.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הודאה של נכדו הילד **אברהם דוד כ"ץ** נ"ו (בן בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**), שהתקיים בבית המדרש של התלמוד תורה. במהלך הסעודה נשא **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** דברי שבח והודאה, ונשמעו על ידי הילד **אברהם דוד** נ"ו דברי תודה לה' על כל תגמולותיו, והביע רגשותיו לכל העסקנים שהיו בעזרתו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**אודה** ה' בכל לבב, בסוד ישרים ועדה, איך דאנק דעם אייבערשטען אז מען זיצט ביי די סעודת הודאה פון אברהם דוד זאל זיין געזונט, נאכדעם וואס מען איז אדורכגעגאנגען א שווערן מצב, און דער אייבערשטער האט ב"ה געהאלפן, אז מען האט זיך ערהוילט, און מען זיצט צוזאמען, און מען פריידט זיך ביי די סעודת הודאה.

**עס** שטייט אין די מפרשים (עיין **באברבנאל** פ' צו, **ובהעמק דבר** שם), אז די ארבעה וואס זענען צריכין להודות, האבן געברענגט א קרבן תודה. ביי א קרבן תודה האט מען געברענגט פערציג חלות, און מען האט עס געמעגט עסן נאר ליום ולילה, אין דעם טאג און דער נאכט וואס מען האט געברענגט דעם קרבן, האט עס געדארפט ווערן אויפגעגעסן, און צופרי איז עס געווארן נותר (ויקרא ז-יב). עס איז געווען זייער א קורצע צייט וואס מען האט געקענט עסן דעם קרבן. דער טעם דערפון איז, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט, אז ווען א מענטש דאנקט דעם באשעפער, זאל ער זיך נישט פרייען אליין, נאר ער זאל מיטנעמען אנדערע אויך צוזאמען צו די הודאה. פערציג חלות איז נישט קיין מציאות אז א מענטש זאל עס קענען אליין אויפעסן אין דעם טאג אליין, אפילו מיט זיין גאנצע משפחה אויך נישט. מוז ער דאך רופן אנדערע וואס זאלן אים צוהעלפן אז מען זאל עס אויפעסן, און עס זאל נישט בלייבן קיין נותר. דער באשעפער האט געוואלט אז ווען מען גיט א תודה זאל עס זיין בסוד ישרים ועדה, מיטנעמען אנדערע זיך צו פרייען צוזאמען מיט די שמחה.

**איך** האב געטראכט א געדאנק. ווען מען איז ל"ע נישט געזונט, און מען ווערט געזונט, דאנקט מען

דעם אייבערשטען. נאר אויף דעם קומט זיך א הודאה פארן אייבערשטען?! ווען דער אייבערשטער העלפט אז א מענטש איז געזונט, און עס פעלט אים גארנישט, וויפיל איז ער שולדיג א הודאה פארן באשעפער, אז ער איז געזונט, ער איז נישט קראנק געווארן, און ער האט דאס אלעס נישט געדארפט אדורכגיין. אז מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען ווען מען האט געהאט א צרה און מען איז ארויס פון די צרה, וויפיל דארף מען דאנקן דעם באשעפער, אז דער באשעפער האט אים מציל געווען, און ער האט אינגאנצן נישט געהאט די צרה.

**עס** איז געווען אמאל א יוד, וואס איז אריינגעקומען אין בית המדרש צופרי, און ער האט מיטגעברענגט תיקון, און ער האט עס אויסגעטיילט פארן עולם. האט מען אים געפרעגט, וואס איז געשען? האט ער געזאגט, אז ער איז היינט אדורכגעגאנגען די גאס, און ער האט געהאט א עקסידענ"ט מיט א קאר, און ער איז ניצול געווארן, עס האט אים גארנישט פאסירט, וויל ער דאנקן דעם אייבערשטען, האט ער געברענגט תיקון. דעם אנדערן טאג קומט א צווייטער יוד, און ער ברענגט אויך תיקון אין בית המדרש. פרעגט מען אים, רבי יוד איר האט אויך געהאט א עקסידענט? זאגט ער, ניין, איך האב נישט געהאט א עקסידענט, אבער איך גיי שוין אדורך צוואנציג יאר דעם זעלבן וועג וואס דער יוד איז נעכטן אדורכגעגאנגען, און איך האב קיינמאל נישט געהאט א עקסידענט, פאר דעם דארף איך נישט דאנקן דעם אייבערשטען?! מענטשען גייען אדורך די זעלבע גאס, און אז דער וואס עס פאסירט אים א עקסידענט, דאנקט דעם אייבערשטען, דארף דער אנדערער וואס גייט אדורך, און ער האט בכלל נישט געהאט א עקסידענט, דארף ער דאך אוודאי דאנקן דעם אייבערשטען.

**א** מענטש וואלט געדארפט מאכן יעדן טאג א סעודת הודאה. אז דער טאג גייט אדורך, און מען איז געזונט, און עס האט גארנישט פאסירט, און דער אייבערשטער האט געגעבן מער פונעם געזונט, דארף מען אוודאי דאנקן דעם אייבערשטען. נאר מען קען דאך נישט לעבן א גאנצן טאג מיט סעודת הודאה'ס, מאכט מען נישט קיין סעודה. אבער ווען עס קומט א זמן וואס א יוד האט יא געהאט א צרה, און ער מאכט א סעודת הודאה, רופט מען אויך צוזאם די געזונטע מענטשן, כדי זיי זאלן וויסען אז א סעודת הודאה איז נישט געמאכט געווארן נאר פאר קראנקע, נאר א סעודת הודאה איז געמאכט געווארן אויך פאר געזונטע מענטשען. אז יעדער דארף דאנקן דעם אייבערשטען, אויף דעם וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. ווי מען האט פריער געהערט, די פשוטע געזונט פון א מענטש, אז די הארץ קלאפט געהעריג, און די אברים זענען געזונט, און עס פעלט אים גארנישט, דארף מען אויך דאנקן דעם באשעפער. יעדע סעודת הודאה האט דער אייבערשטער געוואלט אז עס זאל זיין אזוי ווי א קרבן תודה, נעם צו אנדערע אויך דערצו, צו לערנען אז די געזונטע מענטשען דארפן פונקט אזוי דאנקן דעם אייבערשטען ווי דער וואס עס האט אים עפעס פאסירט.

*

**איך** וויל זאגן אפאר ווערטער פאר אברהם דוד זאל זיין געזונט, דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן, אז דו ביסט געזונט געווארן. מען געפונט די וואך אין די פרשה, זאת התורה, אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד), די תורה זאגט א גאנצע פרשה פון טומאה וטהרה. די גמרא (ברכות סג:) שטעלט זיך, פארוואס איז מען מקדים זאת 'התורה', עס וואלט געדארפט שטיין זאת 'הטומאה', צו זאת 'הטהרה'. דרש'נט די גמרא דערפון, אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה. זאת התורה, אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, אדם כי ימות באהל, דארף א מענטש זיך הרג'נען באהל, ער דארף זיך ממית זיין באהלה של תורה, ער דארף אויפגעבן אלע תענוגים, אלע נארישקייטן, און זיצן און לערנען, דעמאלטס איז דא קיום התורה.

**עס** קען אפשר זיין נאך א געדאנק, פארוואס דער פסוק שטעלט צוזאם זאת התורה מיט אדם כי ימות באהל. די גמרא (סנהדרין צט:) זאגט, אדם לעמל יולד (איוב ה-ז), א מענטש איז באשאפן

געווארן זיך צו פלאגן. אויף יעדן מענטש גייט אדורך פארשידענע שווערע צייטן אין זיין לעבן, וואס איז פארבינדן מיט פלאג. פשוט צו ברענגען יעדן טאג פרנסה אין שטוב, איז א פלאג, בזיעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט). איני יודע לאיזה עמל, עס איז דא פארשידענע וועגן פון עמל, ברענגט די גמרא א פסוק, אז דער עיקר וואס דער אייבערשטער האט באשאפן א מענטש איז פאר עמל התורה.

**דער** עמל וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש, קען זיך א מענטש אויסקלויבן וואס ער וויל. אדער נעמט ער אויף זיך עמל התורה, קומט ער אפ מיט דעם. טאמער נעמט ער נישט עמל התורה, דארף ער האבן א צווייטן עמל. אדם לעמל יולד, יעדער מענטש דארף אדורכגיין א עמילות, ער קען אבער אויסנוצן דעם עמל אויף צוויי וועגן. ער קען אוועקגעבן דעם עמל אויף גשמיות. און אז ער טוט זיך אפשיידען פון גשמיות, און ער גיט אוועק דעם עמל פאר תורה, דארף ער נישט האבן דעם עמל פונעם גשמיות. די גמרא זאגט, כולהו גופי דרופתקי, אלע גופים דארפן זיך פלאגן, טוביה, גליקליך איז דער, לדזכי, וואס איז זוכה, והוי דרופתקי דאורייתא, אז זיין פלאג איז אויף תורה.

**קומט** אויס, אז דער עמל וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש, האט א מענטש צוויי ברירות ווי אזוי ער קען עס אויסקלויבן. די משנה (אבות ג-ו) זאגט, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. אויב דו ביסט מקבל אויף דיר עול תורה, נעמט מען אוועק פון דיר א אנדערן עול. אמאל איז געווען א עול פון מלכות, היינט איז אויך דא די עול פון מלכות, די רעגירונג פארלייגט זיך אמאל אויף א מענטש. אבער אויב דו האסט מקבל געווען אויף דיר עול תורה, דארפסטו נישט אדורכגיין דעם פלאג. עול דרך ארץ, עס איז דא א עול פון פרנסה, אויב דו ביסט מקבל עול תורה וועט מען אראפנעמען פון דיר דעם עול פון דרך ארץ. הפורק ממנו עול תורה, ווען ער וויל זיך גרינג מאכן, עס איז אים שווער צו האבן א עול תורה. אז דו ווארפסט אראפ עול תורה, נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ, ווערסטו עס באצאלן ערגעץ אנדערש. די פלאג מוזטו אדורכגיין. דו קענסט עס נאר אויסקלויבן אזוי צו אזוי.

**עס** איז ניתן להאמר, אז ווען א מענטש איז ל"ע נישט געזונט, און ער קומט צו, עד שערי מיתה, קען מען עס אויסטוישן מיט עפעס אנדערש. ער קען עס אוועקגעבן, און נעמען עפעס אנדערש אנשטאט. ווען א מענטש נעמט אויף זיך, אז ער גייט זיך ממית זיין באהלה של תורה, טוט ער אויפטוישן דאס וואס איז נגזר געווארן אויף אים א גזירה פון מיתה. איך נעם אויף מיר עמל התורה, זיך צו פלאגן אויף תורה, וואס איז אויך א טעם מיתה. די גמרא זאגט דאן, אין דברי תורה מתקיימת אלא במי 'שממית' עצמו עליה, רופט עס די גמרא אן, אז עס איז 'ממית' עצמו עליה. ווען א יוד איז אין א עת צרה, און ער נעמט אויף זיך עמל התורה, קען אים דער עמל התורה מציל זיין, און עס ברענגט אים לעבן.

**איך** האב געזען שטיין אויפן **ערוגת הבשם**, אז סוף ימיו איז ער נישט געזונט געווען, ער האט געהאט די מחלה הידוע. און ער האט געזאגט, אז ער האט געהאט די מחלה אלץ יונגערמאן, און ער האט מקבל געווען אויף זיך עול תורה, ער גייט אויפגעבן אלעס, און ער גייט זיך אריינלייגן אין תורה, און עס איז שטיל געווארן די מחלה ביז אויף די עלטער. אזוי האט ער געזאגט אויף זיך (**תולדות ערוגת הבשם** החדש ח"א דף רעה). - זעהט מען, אז עס איז דא אמאל וואס א מענטש נעמט אויף זיך עול תורה, און די עול תורה טוט פארמיידן עפעס אנדערש.

**קען** זיין אז דאס ליגט אין די משנה, המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. אמאל איז דא וואס דער מלכות שמים לייגט ארויף א עול אויף א מענטש, מען איז גוזר אויף אים עפעס א גזירה, ער דארף אדורכגיין א שוועריקייט. אמאל איז דא וואס דער עול מלכות איז א עול דרך ארץ, מיתה רופט אן דער פסוק (מלכים א ב-ב), אנכי הולך בדרך כל הארץ, דאס איז דער וועג וואס יעדער מענטש דארף אמאל אנקומען. כל המקבל עליו עול תורה, ווען א מענטש נעמט אויף זיך, איך

גיי זיך ממית זיין באהלה של תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, אפילו עס איז געווען א גזירה פון מלכות שמים, ער האט געהאט אויף זיך א עול פון הנני הולך בדרך כל הארץ, אויב ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, טוט מען עס מעביר זיין, און מען טוישט איינס אויפן אנדערן.

**ב"ה** אברהם דוד האט ביז יעצט אויך גענומען אויף זיך עול תורה, ער האט פלייסיג געלערנט ביז יעצט אויך, אבער אז דער אייבערשטער האט געהאלפן, דער באשעפער האט צוגעגעבן דאס לעבן, דארף מען זיך שטערקער מקבל זיין עול תורה. זיך מער נעמען, און זיך ממית זיין באהלה של תורה. ב"ה ער האט אנגעהויבן צו לערנען מסכת ברכות, און ער האלט שוין אויף א דרך, ער האט שוין געענדיגט דריי פרקים זייט ער איז געזונט געווארן, און ער זאל אזוי ממשיך זיין אי"ה, אנקומען צו לערנען נאך א מסכתא און נאך א מסכתא, זאל דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן, און דו זאלסט אונז קענען רופן צו א סיום הש"ס אי"ה, ווען דו וועסט ענדיגן אלעס. דו זאלסט האבן כח אויסצונוצן דיינע כשרונות וואס דו האסט, צו תורה און עבודת ה', און די עלטערן און די זיידעס און די באבעס זאלן זעהן ביי דיר אסאך נחת דקדושה.

**דער** באשעפער זאל העלפן, אז די אלע וואס זענען דא, וואס יעדער האט געהאט א חלק, זיי האבן דיר צוגעהאלפן, אוועקגעגעבן צייט, און געטון חסד מיט דיר, זיי האבן דיר צוגעהאלפן גרינגער צו מאכן וואס מען האט געקענט, זאל דער אייבערשטער געבן פאר זיי אויך, אז זיי זאלן האבן נחת און שמחות אין זייערע שטובער. דורך דעם וואס מען העלפט פאר אנדערע, ווערט מען אליין ניצול, אז מען דארף עס אליין נישט אדורכגיין. מיר אלע זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין אינאיינעם משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א** אב"ד לימנוב, עב"ג בת **הרה"ג רבי נתן דוד אשכנזי שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מאלעסק - סטאניסלאוו שליט"א), שהתקיים בבית המדרש לימנוב.

*

***<u>יום רביעי פרשת חקת</u>***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של החתן **אליעזר שלום** (בן הר"ר **יחזקאל שרגא זאב**) **שפיערער** ני"ו (מחשובי תלמידי ישיבתינו הק'), עב"ג בת הר"ר **נפתלי אינדיג** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

אחר תפלת מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של הר"ר **שלמה הירש** הי"ו, שהתקיים באולם רענעסאנס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של ש"ב בת הרב **מרדכי ארי' ווייס** שליט"א, עב"ג בן הרב **שניאור זלמן דאנציגער** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **אברהם** (אבי) **שטערן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **גרשון טויבער** הי"ו, שהתקיים באולם ספינקא ב"פ.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של הבחור **אברהם מאיר** (בן הר"ר **אלכסנדר מנחם** הי"ו) **רוב** ני"ו (מחשובי תלמידי ישיבתינו הק'), עב"ג בת הר"ר **בנציון אבערלאנדער** הי"ו, שהתקיים בבית אבי הכלה.

*

***<u>יום חמישי פרשת חקת</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקעמפ. באמצע הדרך עצר **רבינו שליט"א** בקרית יואל לניחום אבלים אצל משפחת מרת וואלדמאן ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר וואלדמאן** ע"ה).